Rok 2 100751. IV Kraków, 7 stycznia 1910 - קראקא כ"ז טבת תר"ע. Nr 1




Żydowska gazeta illustrowana — Judische Illustrierte Zeitung.

wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi**: Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50, kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 2.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje**: Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis**: jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50 — M. 6 — Frs 7·50, —vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 2·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**: Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.341. **Inseraten-Annahme**: Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. **אבאנאמענטס-פרייז**: יעהרליך 10 קראנען. = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, — 1.5 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק. האלביעהריג 7.50, פיערטעליעהריג 4 פראנק. **רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן**: קראקא גראדגאססע 62. — טעלעפאן נו' 412 — עסטערר פאסטשפארק.-קאנטא נו' 57,341. **אינזעראטען-אננאהמע**: אנאנסען-ביוראה „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.

# דער IX-טער ציוניסטען-קאנגרעס אין האמבורג.



א גרופּענבילד פון קאנגרעס-דעלעגירטע, ספּעציעלע אויפנאהמע פאר דער יודישער אילוסטריטער צייטונג דורך דעם פאטאגראפישען אטעליער שויל אין האמבורג, שפּעערסארט 24.

# גראטיס ביילאגע „די הבדלה" 1.

ריעינינע אבאנענטען, וואס וייער אבאנעמענט ענדינט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען ביינעלעגט א פאסט-שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פון אונזער בלאט.

די פ. ט. אגענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען וייערע רעכנונגען, ווייל זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר' 49. פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נר' 16.

אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.

אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.

אין אמעריקא: ש. הדוקערמאן, ניו-יארק, 50 קאנאל-סטריט.

**די אדמיניסטראציע.**

# נאך דעם ניינטען ציוניסטען-קאנגרעס.

פריטאג דעם 31 דעצעמבער 1909, זיינער 4 אין דער פריה, איז אין האמבורג געשלאסען געווארען דער ניינטער ציוניסטען-קאנגרעס; דער קאנגרעס, וועלכער רעגט איצט פאר'ן יודישען פאלק אלס די איינציגע עפענטליכע טריבינע, פון וועלכער ס'הערט זיך די פאר-איינינטע שטימע פון'ם יונגען יודישען פאלק; דער קאנגרעס וועלכער קאנטראלירט די טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער פארטיי און בעשטימט נייע וועגען און מיטלען פאר'ן ווייטערדיגען גאנג און ענטוויקלונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. איצט קען מען שוין מיט אפענע אויגען און קלארע געדאנקען פעסטשטעלען וואס האט דער קאנגרעס געבראכט נייעס און נוטצעס, וואס האט ער פערפעהלט צו ברענגען און וואס ער אויפגעטהון איבערהויפט. וואס פערדיענט קריטיזירט צו ווערען.

א קאנגרעס בעשטעהט געוועהנליך פון אינהאלט און פארם; צום אינהאלט געהערען אלע פרינציפיעלע פראגען וואס ווערען דארט בעהאנדעלט און די החלטות וואס ווערען אנגענומען בנוגע דיזע פרינציפען. צו דער פארם געהערען, דער טאן פון די בעראטונגען, די שטימונג פון די טיילנעהמער, זייער פערזענליך געגענזייטיגעם פערהעלטניס. דער גייסט וואס הערשט דא-רט און ענדליך אויך דער טאקט מיט וועלכען ס'ווערד געלייטעט ארער קריטיזירט דיעזע אדער יענע טהאט.



א יודישער בירגערמייסטער אין יאהאניסבערג: מר. הערי גרייטמאן

אויב דער איצטיגער ניינטער ציוניסטען-קאנגרעס איז אין זיין פארם נישט געווען דאס, וואס מהאט פון איהם ערווארטעט, איז עס ווי כמעט ווי זיכער דערפאר, ווייל ס'האט געפעהלט אזא שטארקע פערזענליכקייט ווי הרצל איז עס געווען! ס'האט געפעהלט דער שטארקער גייסט, וועלכער זאל הערשען איבער אלע! ס'האט געפעהלט דער גאון וואס האט בעראפט צו ווירקען מיט א צויבער-קראפט אויף די געגענזעצטע עלעמענטע, וועלכע זענען צוליעב פאליטישע, ווירטשאפטליכע און פסיכישע טעמים א נאטירליכע ערשיינונג, אינים אונזערמאלען אר-אגיזם פון יודישען פאלק.

דאגעגען איז אבער די אינהאלטליכע זייט פונ'ם איצטיגען קאנגרעס געווען א דורכאויס בעפרידיגענדע. די בעשליסע אין אלע פינאנציעלע פראגען, וועלכע בעשטימען נייע וועגען און מיטעל פאר דער רעאליזירונג פון דער ציוניסטישער אידעע האבען א גרויסע בעדייטונג און וועלען האבען דעם געווינשטען ערפאלג.

די שארפע קריטיק געגען דיפלאמאטיע און הויפט-פאליטיק, וועלכע איז ארויסגעזאגט געווארען פון א גרויסער רעלעגאטען-מעהרהייט און די כמעט איינשטימיגע בעטאנונג, אז א פאזיטיווע, רעאלע ארבייט אין ארץ-ישראל מוז זיין דער יסוד און דער תמצית פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט, וועלען בלי-שום-ספק זיין פרוכטבריינגענד פאר דער ווידער-אויפלעבונג פון יודישען פאלק, וועלען מיט פעסטערע, שנעלערע אבער זיכערע שריט דער-נעהנטערן דעם ציוניזם צו זיין ענדציעל. די 40000 טויזענד מארק וואס זענען געזאמעלט געווארען פאר'ן "ייעדלונגס-גע-נאסענשאפט-פאנד" זענען א ווערק, דורך וועלכען דער קאנגרעס האט זיך פערעוויגט; דער אינטערעס וואס די רעלעגאטען האבען בעוויעזען פאר דער פאלעסטינא-רעבאטע און פאר דין פאלעסטינא-אינסטיטוציעס, איז געווען א מאמענט, וועלכער האט כאראקטעריזירט די לעבענס-פעהיגקייט און עקזיסטענץ-בערעכטיגונג פונ'ם ציוניסטישען אידעאל.

אויב דער קאנגרעס האט אין דיעזע בעציהונג גע-האט אזעלכע מעלות-טובות, אזוי האט דער קאנגרעס אין זיין פאר'ם בעשטעטיגט דעם פארגענאהנטען פחד, אז די רעלעגאטען וועלען נישט שטעהן אויף דער מדרגה, אויף וועלכער ס'דארפען צו שטעהן די פיהרער פון א געזעלשאפט, פון'ם צוקונפטיגען פאלק. די איבערטריעבענהייט אין טאקטלאזיגקייט פון דער קריטיק, דער מאנגעל אין דיסציפלין און אין געגענזייטיגער אכטונג צווישען די פיהרער, די ליידענשאפטליכע פערזענליכע קעמפפע, האבען געווים נישט געשטארקט די ציוניסטישע בעוועגונג און דעם יודישען פאלק האבען זיי אויך קיין כבוד נישט געבראכט.

און אויף וויעפיעל ס'הייזען זיך בולט ארוים די שלעכטע פאלגען פון דיזער זייט, וועלען זיי פאר דער צוקונפט א נעגאטיווען נוצען ברענגען. די קאבינעטס-קריזע וואס הערשט איצט, וועט די פראזישאנישע קריטיקער לערנען, אז אלעם האט א מאס און א ענדע און אז ערהליכע אויפריכטיגע קריטיק מוז זיך ווייט ענטשיידען פון פערזענליכע אנגריפע. דער נאדוו"ס"דיקן פארפאל וועט זיין א װארנונג פאר די צוקונפטיגע קאנגרעס-פרע-זידיומס אז זיי זאלען נישט טרייבען קיין "פאליטיק" אויף איינעמער האנד אהן דעם וויסען — און אפשר געגען דעם



דער ניינטער ציוניסטען-קאנגרעס אין האמבורג: די גאליציישע לאנדסמאנשאפט. שפעציעלע אויפנאהמע פאר דער יודישער אילוסטרירטער צייטונג דורך דעם פאטאגראפישען אטעליער שויל, האמבורג



דער נייונטער ציוניסטען=קאָנגרעס : גרופּע פון דער רוסישער לאנדסמאנשאַפט. ספּעציעלע אויפנאהמע פאר דער יודישער אילוסטרירטער צייטונג דורך דעם פאטאגראפישען אטעליער שויל, האמבורג.

ווילען — פון דעם גאַנצען קאָנגרעס. און אַזוי וועלען אלע קליינינקייטען זיין אַ לעהרע אויף דער צוקונפט, דורך וועלכע די פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג וועלען לערנען, אַז זיי מוזען הויך האלטען די פאָהן פון דער יודישער פרייהייט, אַז זיי מוזען אַכטען און שעצען די פאָלקס־אָרגאַניזאַציע און די אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען צוליעב דער ציוניסטישער אידעע און לטובה פון יודישען פאָלק. אַז זיי וועלען אין דער צוקונפט פאָרזיכטיגער זיין און אַנשטאָט צו שטער־ען די איצטיגע בנינים, — וועלען זיי זיך בעסער בעטייליגען אינ'ם פאָלענדיגען און פערשענערן דעם היכל פון דער יודישער בעפרייאונג.

# די אונגארישע קריזע.

פאָריגע וואָך האָט מען שוין גערעכענט, אַז די אונגאַרישע קריזע, וועלכע שלעפּט זיך שוין אַזוי חדשים לאַנג, וועט איצט געענדיגט ווערען. דער קאַיזער האָט נעמליך ערנאַנט דעם געוועזענעם פינאַנצמיניסטער לוקאַטש צום מיניסטערפּרעזידענט און איהם בעאויפטראַגט, צו פערהאַנדלען מיט די פערשיעדענע פּאַרטייען, כדי צושטאַנד צו ברענגען אַ קאַבינעט מיט אַ פּאַזיטיווע פּראָגראַם.

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז דיעזע בעמיהונגען פיהרען נישט צום ציעל, לוקאַטש'ס פערהאַנדלונגען מיט יוסטה האָבען זיך צעשלאָגען, ווייל יוסטה וויל פון דער זעלבשטענדיגער אונגאַרישער נאַציאָנאַל־באַנק נישט אָבלאָזען און אפילו נעגענאיבער דעם קאַיזער, וועלכער האָט איהם פאָדערנען דאָנערסטאָג עמפּפאַנגען אין אודיענץ, האָט ער ערקלערט, אַז נאָר דעמילט קען זיין אַ דויערנדער פריעדען אין אונגאַרן, ווען דער קאַיזער וועט בעווילינגען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

דער קאַיזער האָט דאַרויף געענטפערט, אַז זיין איבערצייגונג איז, אַז דאָס ווירטשאַפטליכע פערהעלטניס צווישען ביידע רייכסהעלפטען דאַרף נישט געענדערט ווער־ען און אַז אין דיעזער בעציעהונג קען ער נישט מאַכען קיין שום הנחות.

יוסטה איז אַהיים־געפאָהרען מיט נאָר־נישט און אויך זיינע פערהאַנדלונגען מיט לוקאַטש האָבען זיך צער־שלאָגען.

איצט פערהאַנדעלט לוקאַטש מיט די אַנדערע פּאַרטייען. זיין כונה איז, צושטאַנד צו ברענגען אַ פּראָוויזאָריש קאַבינעט פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע זאָל האָבען די אויפגאַבע צו ערלעדיגען בלויז די וואַהלרעפאָרם און ערשט דערנאָך, בײַם נייעם רייכסטאָג, וואָס וועט זיין געוועהלט אויף גרונד פון נייען אַלגעמיינען וואַהלרעכט, זאָלען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאָרגעלעגט ווערען.

ווי עס זעהט אָבער אויס, וועט אויך דיעזער פּלאַן נישט פיהרען צום ציעל און אין דער ערשטער ליניע שטעהט וויעדער די קאָמבינאַציע גראף קהוען־הערערוואַרי, וועלכער איז שוין אַ מאָל פריהער געוועזען מיניסטער־פּרעזידענט און וועלכער איז גרייט, צו בילדען אַ נישט־פּאַרלאַמענטאַריש מיניסטעריום און אויפצולעזען דעם רייכסטאָג.

גראף קהוען־הערערוואַרי, איז בעקאַנט אַלס זעהר ענערגישער מאַן, וועלכער איז מסוגל צו „מאַכען" וואַה־לען, און מען רעכענט, אַז עס וועט איהם געלינגען, צו שאַפען אַ שטאַרקע מאַיאָריטעט אין רייכסטאָג, וועלכע זאָל זיין איס שטאַנד דורכצופיהרען די וואַהלרעפאָרם, אַזוי ווי דער קאַיזער וויל.

אויב דיעזע קאָמבינאַציע איז נישט אַ טעות — איז נאַטירליך אַן אַנדערע פּלאַנע.



די אונגאַרישע קריזע : גראף קהוען=הערערוואַרי.

# באראן ערנסט פאן מענ־דעלזאן־בארטאלדי.

פאָריגען מאָנטאַג איז דער גרויסער און בעוואוס־טער באַנקיר ערנסט מענדעלזאָן, פּלוצלינג געשטאָרבען פון אַ האַרץ־קלאַפּ, ווייענדיג צו נאַכט בײַ זיין טאָכטער אין דרעזדען.

מענדעלזאָהן איז געווען אַן אמת'ער „פינאַנץ־אַריס־טאָקראַט", אַ פינאַנסיסט, וועלכער האָט ווייט און ברייט געפיהרט זיינע געוואַלדיגע געשעפט־אָפּעראַציאָנען, און האָט שטענדיג פערשטאַנען צו פעראייניגען געשעפט מיט העכסטע אַריסטאָקראַטיע צוזאַמען.

די ברידער יוסף און אברהם מענדעלזאָן, דער פאָ־טער פון דעם בעריהמטען קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדעל־זאָן־באַרטאָלדי, זענען געווען די גרינדער פון דעם באַנק־הויז „מענדעלזאָן עט קאָמפּ". ערנסט איז געווען אַ פּלי־מעניק פון דעם קאָמפּאָזיטאָר און האָט אויך זעהר ליעב געהאַט מוזיק. ער האָט געהאַט איינע פון די טייערסטע קאָלעקציעס פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. אויסער מוזיק



ערנסט פון מענדעלזאהן.



א כינעזישע מארינע־קאָמיסיע אין וויען.

האט מען אין מענדעלזאָן׳ס הויז זעהר ליעב געהאט מאַלעריי און זיין וואָהנונג אויף די יעגער־שטראַסע אין בערלין איז געווען א מיטעלפונקט, וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען די גרעסטע אריסטאָקראַטען און קינסטלער.

ערנסט מענדעלזאָן איז געווען זעהר געאַכטעט ביים קאַיזער ווילהעלם דעם צווייטען, וועלכער האָט איהם געגעבען דעם טיטול „עקסצעלענץ" און האָט איהם בעשטימט פאַר א מיטגליעד אין הערען־הויז. ער איז געווען א לאַנגע צייט דער עלטסטער פון די סוחרים אויף דער בערזע, און פלעגט זיין איינער פון די גאַנץ אָפטע בעזוכער פון דער בערזע. נאר זייט מ׳האט איהם נישט מעהר אויסערוועהלט אויף זיין שטעלע אלס בערזען־עלטסטער, איז זיין פוס מעהר אהין נישט געקומען.

ערנסט מענדעלזאָן, וועלכער איז געווען א אוראייניקעל פון משה מענדעלזאָהן, איז געווען א פ ר ו מ ע ר פראָטעסטאַנט און האָט פיעל נדבות געגעבען אויף קלויסטערס, צווישען זיי האָט ער, אויף זיינע קאָסטען, געלאָזט אריינשטעלען איינס פון די שענסטע קירכען־פענסטער אין דער קאַיזער־ווילהעלם־געדעכטניס קירכע.

איינס פון ערנסט מענדעלזאָן׳ס מעלות איז געווען דאס, וואס ער האָט קיינמאָל נישט ענטזאָגט פון דער שטעלע קיין שום בעאַמטען, וואס האָבען געדיענט אין זיין באַנק־הויז. אויך אין די שטילע צדקות, וואס ער פלעגט טהון, האָט ער נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען יודען און קריסטען.

ער איז געשטאָרבען אין א עלטער פון 63 יאָהר.

ער איז געווען דער גרעסטער שטייער־צאָהלער פון בערלין און איז ביי די וואהלען געווען דער איינציגער וועהלער ערשטע קלאָס אין זיין בעצירק.

ביי די רוסישע הלוואות אין אויסלאַנד איז ער געווען איינער פון די הויפט־געלד־ליפעראַנטען, און בכלל איז ער געשטאַנען אין זעהר נאָהנטע בעציהונגען מיט וויטע׳ן און די אַנדערע רוסישע פינאַנץ־מיניסטאָרען און פלעגט שטענדיג אין א עת צרה קומען זיי צו הילף.

זיין טוידט האָט אין די פינאַנציעלע קרייזען ארויסגערופען א גרויסען רושם.

# א כינעזישע מיליטערישע קאמיסיע אין עסטרייך.

די כינעזען ארבייטען מיט אלע כחות, און ווילען איינפיהרען אייראָפּעאישע צושטענדע אין זייער לאַנד.

אָנהייבען הויבען זיי אָבער אָן מיט דעם מיליטער! ווייל די מאַכט פון דעם אייראָפּעאישען מיליטער האָבען זיי צוערשט פערשפירט אין זייער לאַנד און געזעהען, אַז די „אייראָפּעאישע שדים" זענען טאַקי גרויסע מחבלים און מען טאָר מיט זיי נישט טשעפּען. איבערדעם אויך ווילען זיי צוערשט רעפאָרמירען זייער אַרמעע און זייער קריעגספלאָטע.

צו דעם צוועק האָבען זיי איצט ארויסגעשיקט א מיליטערישע מאַרינע־קאָמיסיע קיין אייראָפּאַ, כדי צו שטודירען די דאָרטיגע מיליטערישע איינריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס.

דעם ערשטען בעזוך האָט די קאָמיסיע געמאַכט אין ענגלאַנד, וואו זי איז עמפּפאַנגען געוואָרען בכבוד גדול און מען האָט איהר געוויזען אלעס, וואָס זי האָט פערלאַנגט.

איצט איז זי געקומען קיין עסטרייך, וואו מען בעהאַנדעלט זי עבענפאַלס ווי חשוב׳ע געסט און מען ווייזט זיי אלעס, וואס זיי ווילען זעהען, די קאמיסיע וועט דא פערווילען עטליכע טעג, דערנאָך וועט זי פאָהרען אין די אַנדערע אייראָפּעאישע שטאַאַטען.

# גלות פון א יודישען קינסטלער.

דער גרויסער יודישער סקולפּטאָר אהרנסאָן, וועלכער וואָהנט אין פּאַריז, איז איינגעלאַדען געוואָרען קיין קיעוו פון א דאָרטיגען הויכגעשטעלטער פערזענליכקייט, וועלכער קען אהרנסאָנ׳ס קינסטלערישע ארבייטען. ער זאָל איבערנעהמען אויך זיך אויסצואַרבייטען א דענקמאל פאַר דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. זייענדיג אין קיעוו, האט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די דומע וויל דוקא אויסשרייבען א קאָנקורס אויף דעם דענקמאָל, ער האָט דארום געמוזט לאָזען דעם מאָדעל, וואס ער האט געמאַכט פון דעם דענקמאל אין קיעוו ביי דער דומע, אז עס זאל בשעת׳ן קאָנקורס בעטראַכט ווערען.

דיעזעלבע הויכגעשטעלטע פערזאָן אין קיעוו, וואס האט איהם ספּעציעל איינגעלאַדען, האט איהם אויך פאָרגעלעגט ער זאל אונטערפאָהרען קיין פעטערבורג, זיך בעקענען מיט׳ן מיכאַילאָווסקען פּאַרק, וואו מען וועט אויך שטעלען א דענקמאָל דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, כדי ער זאל קענען זיך בעטייליגען אין דעם דאָרטיגען קאָנקורס. אהרנסאָן איז דאך אָבער א יוד, וואָס האט אין פעטערבורג קיין וואָהנרעכט נישט, דארום האט איהם זיין שיצער אין קיעוו מיטגעגעבען בריעף צו וויכטיגע פערזענליכקייטען קיין פעטערבורג, אַז מען זאל זעהן איהם נישט צומאַכען קיין שוועריגקייטען די פּאַר טאָג, וואָס ער דאַרף זיין אין פעטערבורג. גלייכצייטיג האט ער וועגען דעם אוועקגעשיקט דורך פּאָסט בריעף צו די אַדמיניסטאַרען, פון וועלכע עס הענגט אָב צו ערלויבען א יודען וואָהנען אין פעטערבורג.

אהרנסאָן איז זיך רוהיג אוועקגעפאָהרען קיין פעטערבורג. איז אָבגעשטיגען אין גרויסען „האָטעל יעווראָפּייסקי", וואו ער האט איבערגעגעבען זיין פּאַספּאָרט און איז אוועק אין שטאדט איבערגעבען די בריעף וואס ער האט געבראַכט פון קיעוו. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין פערוואונדערונג, ווען ער איז געקומען צוריק אין האָטעל און מען האט איהם דערלאַנגט דעם פּאַספּאָרט מיט דער בעוואוסטער אויפשריפט: אין 24 שעה זאָל פון איהם קיין זכר אין פעטערבורג נישט זיין. עס האט נישט געהאָלפען קיין טענות, קיינע ערקלערונגען, דאס ער דאַרף סך־הכל זיין אין פעטערבורג א פּאָר טאָג אום א קוק צו טהון אויפ׳ן מיכאַילאָווער פּאַרק, דער פּריסטאַוו איז געבליעבען ביי זיין פאָדערונג, ער זאָל זיך איינפּאַקען און פאָהרען. אהרנסאָן האט זיך גענומען פּאַקען און אין וועג אריין.

ערשט פאַרנאַכט איז פּליצלינג געקומען א פעראָרדנונג פון גראַדאָנאַטשאַלניק, אַז ער מעג בלייבען א פּאָר טאָג. אהרנסאָן איז אָבער געווען אַזוי אויפגערעגט פון דער מצב, דאס ער האט מוחל געווען דעם חסד און איז אוועקגעפאָהרען צוריק קיין פּאַריז.

אזוי וואָהל איז אהרנסאָנ׳ען, ווען ער קען ברוגז ווערען און אַנטלויפען. וואָס זאָלען אָבער טהון די יודען, וואס האָבען נישט וואו צו לויפען?



אטענטאט אין אויען: דער ערמאָרדעטער קאָרעאַנישער מיניסטער־פּרעזידענט יי־וואַן־יאָן.



אטענטאט אין פעטערסבורג: פּאָליציי־שעף קאַרפּאָוו.

